# מיט א טיפערן בליק

## פרשת בהר בחקותי תשפ"ו

## שבת טאר מען נישט לויפן!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר שטייען אצינד אין פרשת בהר בחוקותי. צום ערשט לאמיר זיך אפשטעלן אביסל אויף פרשת בחוקותי וועלכע הייבט זיך אן מיט די ברכות וואס וועלן קומען אויף אידישע קינדער ווען זיי גייען אין די וועגן פון תורה ומצוות. אין פסוק שטייט השי"ת זאגט, אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ - אויב איר וועט גיין אין די וועגן פון מיינע געזעצן און איר וועט היטן מיינע מצוות, וועלן קומען די אלע גוטע זאכן.

צום ערשט קען מען מדייק זיין, וואס איז דער לשון "תֵּלֵכוּ" וואס ווערט דא דערמאנט, א לשון פון גיין? לכאורה וואלט געדארפט שטיין סתם, אויב מען וועט זיך פירן ווי עס דארף צו זיין, אויב מען וועט לערנען תורה און טוהן די מצוות, וכדומה, פארוואס קומט דא אריין א ענין פון הליכה? אזוי אויך טרעפט מען ווייטער אין די המשך הפסוקים די זעלבע לשון, "**וְהִתְהַלַּכְתִּי** בְּתוֹכְכֶם" השי"ת זאגט איך וועל גיין צווישן אייך, און די ברכות ענדיגן זיך מיט די ווערטער "**וָאוֹלֵךְ** אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת", דער אייבערשטער וועט ענק פירן אויפגעשטעלט מיט א קומה זקופה - א געהויבענעם קאפ. געפונען מיר דא עטליכע מאל די לשון פון הליכה.

די זעלבע איז אביסל שפעטער אין די תוכחה שטייט אויך "וְאִם **תֵּלְכוּ** עִמִּי קֶרִי", ווי די **מפרשי התורה** ערקלערן, אויב אידישע וועלן זיך פירן מיט'ן אייבישטער אויף א אופן פון 'מקרה' און זיך נישט וויסענדיג מאכן פון די פארשידענע מאורעות און עונשים וואס וועט קומען אויף זיי ח"ו, נאר זיי וועלן אלעס אנהענגען אין די טבע, אז ס'איז נאר א מקרה, א זאך וואס האט זיך געמאכט אָן קיין ספעציעלע חשבון. זאגט השי"ת וועט קומען דער עונש "**וְהָלַכְתִּי** אַף אֲנִי עִמָּכֶם בְּקֶרִי" איך וועל זיך אויך פירן צו אייך אזוי מדה כנגד מדה, אוועקנעמען די השגחה און שיקן נאך פון די שלעכטע מִקְרִים און פאסירונגען ח"ו. האבן מיר דא ווייטער די לשונות פון הליכה, אויב אידן וועלן 'גיין' אזוי דאן וועט דער אייבישטער אויך 'גיין' מיט זיי די זעלבע וועג, וואס באדייט דער ענין?

בכלל דארף מען פארשטיין, ווען מען איז זיך מתבונן אין די ברכות, די ערשטע ברכה וואס ווערט דערמאנט אויב מען וועט גיין אין די וועגן פון די תורה, "וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם" השי"ת זאגט, איך וועל אייך געבן די רעגן אין זייער באשטימטע צייט. זאגט **רש"י**, "בשעה שאין דרך בני אדם לצאת" אין די צייט ווען מענטשן דרייען זיך נישט אין די גאסן, דאס וועט זיין די ברכה אז ס'וועט נישט רעגענען דעמאלטס. לכאורה איז שווער, פון דעם מאכט מען אן עֵסֶק? מען זעהט דאָך אין די המשך אז מען רעדט פון געוואלדיגע גרויסע ברכות און השפעות, עס וועט אריינקומען א ברכה אין די תבואה און ברויט, מען וועט וואוינען לָבֶטַח מיט א זיכערקייט אין ארץ ישראל, עס וועט נישט קומען קיין חיה רעה, ס'וועלן נישט קומען קיין שונאים, מ'וועט געווינען די מלחמות, און אזוי ווייטער. מען רעדט פון אזעלכע גרויסע און ריזיגע זאכן, וואו קומט דא אריין אזא קלייניגקייט אז מ'וועט נישט נאַס ווערן פון די רעגן ווייל ס'וועט רעגענען אין א גוטע צייט? וואס פעלט אויס אזא סארט ברכה בכלל? וואספארא אָרט פאַרנעמט אזא קליינע ברכה צווישן די אלע גרויסע זאכן, און דאס איז נאך די ערשטע פון אלע ברכות?!

בכלל, געפונען מיר אז די ברכות שטייען ארויסגעשריבן זייער בפרטיות, מיט די גענויע דעטאַלן וויאזוי עס וועט צוגיין. למשל, "וְרָדְפוּ מִכֶּם חֲמִשָּׁה מֵאָה וּמֵאָה מִכֶּם רְבָבָה יִרְדֹּפוּ", פינף מענטשן וועלן נאכלויפן הונדערט שונאים, און הונדערט פון ענק וועלן קענען נאכלויפן צען טויזנט פון די שונאים. פארוואס פעלט אויס צו שטיין די אלע פרטים? השי"ת וואלט געקענט זאגן באופן כללי אז מ'וועט מנצח זיין די מלחמות, כלל ישראל וועט האבן א כוח. פארוואס דארף מען ארויסברענגען פונקטליך וויאזוי ס'וועט זיך פירן, וויפיל מענטשן וועלן נאכלויפן וויפיל?

**שבת, שמיטה, און יובל, זיך אפצושטעלן פונעם טעגליכן געלויף**

לאמיר צוריק קוקן אביסל פריער. אין פרשת בהר געפונען מיר די מצוה פון שמיטה, וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַה' די ערד זאל רוען פאר'ן אייבישטער, ווי די תורה הקדושה שמועסט אויס באריכות אז זעקס יאר קען א איד ארבעטן אין זיין פעלד, איינזייען קערנדלעך, שניידן פירות, איינזאמלען די תבואה, אבער דאס איז אלעס ביז צום זיבעטן יאר, יעדע זיבעטע יאר איז שמיטה, שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן יִהְיֶה לָאָרֶץ שַׁבָּת לַה' דעמאלטס דארף דער איד רוען אינגאנצן, ער איז נישט עוסק אין די פעלד ארבעט, ער פלאנצט נישט איין קיין פרישע תבואה, און ער שניידט נישט אפ די פירות פאר זיך, נאר איז אלעס מפקיר גענצליך בחינם פאר ווער עס וויל קומען און נעמען.

דאס זעלבע איז ווען עס קומט יובל, אינעם פופציגסטן יאר טאר מען גארנישט טוהן אין די פעלדער, נאך מער, אלע פעלדער קערן זיך צוריק צו די אלטע בעלי בתים וואס האבן עס אמאל פארקויפט, די עבדים וואס זענען געבליבן ביי זייערע הארן נאך די זעקס יאר וואס די תורה באשטימט פאר אן עבד עברי, ווען עס קומט יובל גייען זיי אלע ארויס לחירות. בקיצור אלעס גייט צוריק צום אלטן, דער מענטש דארף זיך געזעגענען פון טיילן פון זיין פארמעגן וואס ער האט זיך איינגעקויפט און אריינגעארבעט אין זיי במשך די יארן.

און אגב, די סוף פרשה ענדיגט זיך מיט אן ענדליכן ענין, די מצוה פון שמירת שבת, ווי די תורה הקדושה זאגט "אֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ" מען זאל היטן שבת, וואס איז אויך א זמן ווען א איד דארף שׁוֹבֵת זיין און רוען פון יעדע סארט מלאכה.

ווי מיר האבן שוין מאריך געווען אין אנדערע שיעורים, די יסוד פון די אלע מצוות איז באקאנט, **דער אייבישטער וויל אז מיר זאלן געדענקן אז ער איז דער וואס פירט די וועלט, ער טוט אלעס, ער שפייזט אונז און גיבט אונז אונזערע געברויכן.** עס איז נישט אונזער ארבעט און אונזער כוחי ועוצם ידי וואס האלט אונז ביים לעבן. די תורה פארלאנגט פונעם איד אז יעדן שבת, און יעדע שמיטה און יובל, זאל ער זיך אפשטעלן פון זיין טאג טעגליכן געלויף, פון זיין מרוצת החיים און איינגעזינקנקייט אינעם עולם המעשה, ער זאל אויפהערן צו ארבעטן און שאַפן און טוהן, נאר אנשטאט דעם זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און דינען דעם אייבישטער, און זיך פארלאזן אויף איהם, דער בורא ומנהיג כל הברואים וואס פירט איהם און העלפט איהם אלעמאל.

## וועז מען פרעגט קשיות דארף השי"ת באנייען די שפע

עס זענען באקאנט די הייליגע ווערטער פון **הרה"ק דער רבי רבי זושא פון האניפאלי זי"ע**, וואס ווערט געברענגט אין **ספה"ק נועם אלימלך** אין אונזער פרשה. אויף די קשיא וואס די תורה פרעגט "וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע"... אויב אידישע קינדער וועלן זאגן וואס וועלן מיר עסן אין די אכטע יאר? וויבאלד שמיטה טאר מען נישט ארבעטן און איינפלאנצן, וועט דאך נישט וואקסן קיין נייע תבואה אינעם קומענדיגן יאר, פון וואס וועט מען לעבן? איז די תורה הקדושה מבטיח "וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם", דער אייבישטער וועט באפעלן א ספעציעלע ברכה, און עס וועט זיין גענוג תבואה אינעם זעקסטן יאר זיך צו קענען שפייזן דערמיט במשך דריי יאר, מען וועט האבן גענוג אויף שמיטה און אויף די קומענדיגע יאר אויך.

פרעגט דער ר"ר זושא, פארוואס פעלט אויס מאריך צו זיין און אויסשמועסן די קשיא וואס מען וועט פרעגן, מיר געפונען נישט אזא לשון אין קיין שום אנדערע פלאץ אין די תורה אז דער פסוק פרעגט א קשיא און זאגט די תשובה דעראויף. עס וואלט געקענט שטיין בקיצור "וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי", און דעמאלטס וואלט שוין קיינער טאקע נישט געדארפט פרעגן וואס מען וועט עסן.

איז דער ר"ר זושא מבאר א געוואלדיגע יסוד: ווען דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט, האט ער מיט זיין טוב וחסד אנגעגרייט ספעציעלע 'צינורות' וואס פירן אראפ א שטענדיגע השפעה פאר אלע באדערפענישן פון די מענטשן. די דאזיגע רערן זענען אלעמאל אָפן און האלטן אין איין משפיע זיין גוטס, **"ודרך השפע שלא להפסיק כלל!"** עס וואלט זיך קיינמאל נישט געדארפט אפשטעלן. אבער ווען א מענטש פאלט חלילה פון זיין מדריגה און ער פארלירט דעם בטחון אינעם באשעפער 'המשגיח אמיתי הזן ומפרנס בריוח בלי הפסק כלל' דער אמת'ער שפייזער וואס האלט אויס יעדן איינעם מיט א ברייטע האנט אָן קיין שום אפשטעל, דעמאלטס מאכט דער מענטש מיט זיינע מחשבות א 'פגם' אין די עולמות עליונים רח"ל, זיין חסרון פון בטחון מאכט א פראבלעם אין די צינורות און די שפע ווערט חלילה איבערגעהאקט. דעריבער מוז דער אויבערשטער דעמאלטס באפעלן פונדאסניי, וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי, אז די ברכה זאל צוריק אנהייבן פליסן פונקט ווי עס איז געווען ביים אנהייב פון די בריאה.

דערפאר דערמאנט די תורה די קשיא אין פסוק, כדי מיר זאלן דערהערן און פארשטיין וואס עס פאסירט ווען מ'פרעגט קשיות, וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל, אויב מען וועט פרעגן וואס וועט מען עסן און מ'וועט נישט האבן די ריכטיגע בטחון, דאס אליינס איז גורם א חסרון אין די שפע ח"ו, אז מ'דארף צוקומען צו א נייע וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי. ממילא זאל זיך א איד לערנען פון דא נישט צו פרעגן, נאר זיך יא צו פארלאזן אויפן אייבישטער וואס איז דער זן ומפרנס אלעמאל, עבדה"ק.

## דיין ווערד ווערט געשאצט ווען עס קומט צו קריזיס...

מ'קען דא צוליגן א ווארט, א נקודה, אביסל מרחיב זיין און ארויסברענגען א געדאנק וואס איז מעגליך אויך נכלל אין די ווערטער פונעם רבי זושא זי"ע.

צום ערשט וועלן מיר מקדים זיין א מעשה שהיה וואס א איד האט מיר דערציילט. דער איד איז איינגעשטעלט אין א געוויסע גרויסע בנין וואו עס געפונען זיך אסאך דירות און אפיסעס. ויהי היום, נישט לאנג צוריק, ס'איז געווען א פראָסטיגע ווינטער מיט עטליכע גאר קאלטע טעג מער ווי געווענליך, דאס האט צוגעברענגט אז א געוויסע גרויסע הויפט פֵּייפ אין די בילדינג האט געפלאַצט. א גאנצע רער פון וואסער האט זיך צובראכן אויף איינס פון די הויכע שטאקן, ס'האט אנגעהויבן צו שיסן וואסער מיט א מורא'דיגע שטראָם און אלעס איז געווארן פארפלייצט. עס האט געהאלטן אין איין רינען אָן אויפהער, איבריג צו זאגן אז די וואסער איז נישט געבליבן אויף איין פלאץ, נאר עס האט אנגעהויבן צו גיסן אראפ אויף די אונטערשטע שטארקן און ארויס אויפן גאס. עס האט געהערשט א שרעקליכע כאאס, מענטשן האבן אנגעהויבן ארויסצולויפן פון די הייזער, מ'האט גערופן פאר הילף, עס זענען געקומען צו גיין פייער לעשער און פאליציאנטן, אבער ס'איז גארנישט געווען אזוי גרינג אפצושטעלן די וואסער. בקיצור, ס'איז געווען א גרויסע מהומה און איבערקערעניש.

דער מענעדזשער פונעם בנין וואס איז געווען ממונה דארט אויפן פלאץ האט אנגעהויבן צו שוויצן צו העלפן מסדר זיין די ענינים. אינצווישן פראבירט ער אויך זיך צו פאַרבינדן מיט'ן בעל הבית אדורכצושמועסן מיט איהם דעם מצב, אבער אֵין קול ואין עונה, דער בעל הבית ענטפערט נישט. סיי ער און סיי אנדערע האבן געפרואווט אויף פארשידענע וועגן צו קאנטאקטן דעם בעה"ב, אבער אויף להכעיס איז ער ממש ווי פארשוואונדן געווארן אין אזעלכע קריטישע מינוטן כאילו די ערד האט איהם איינגעשלינגען, ער איז נישט צום געפונען.

פארשטייט זיך אז ס'האט געדויערט גאנץ א לאנגע צייט ביז זאכן זענען געווארן מסודר, ביז מ'האט פארמאכט די וואסער, און דערנאך איז געווען א שווערע אויפגאבע אויפצוריינינגן דעם בנין און פאררעכטן און צוריקשטעלן אלע שאָדנס און פראבלעמען וואס זענען דארט געווארן.

ענדליך, נאך צוויי טעג, איז מען אנגעקומען צום בעל הבית, און דער מענעדזשער פרעגט איהם מיט וואונדער, "וואו ביסטו געווען? מ'האט דיך נישט געקענט כאַפּן בשום אופן, דו האסט נישט אויפגעהויבן די טעלעפאן"... ענטפערט איהם דער בעל הבית, און רבותי ס'איז כדאי צו הערן, הערט גוט צו די תשובה זיינע: איך וועל דיר זאגן דעם אמת, גלייך ווען ס'איז געשען די מעשה, האב איך אנגעהויבן צו באקומען מעסעדזשעס פון אלע זייטן וואס מענטשן האבן מיר אריינגעשיקט און פראבירט צו רופן, איך האב באקומען בילדער און קליפס פון וואס ס'גייט פאָר. האב איך מיר געמאכט א חשבון, פאר דעם זענט עטס דאָך דא! איך באצאל דיך מיט די אנדערע איינגעשטעלטע דא א גרויסע געהאלט במשך די גאנצע יאר. פאר די ארבעט וואס איר טוט געווענליך, פאר דעם דארף מען נאכנישט אזויפיל באצאלן, נאר די סיבה פארוואס איך באצאל יא איז טאקע דערפאר, על כל צרה שלא תבוא, ווען עס מאכן זיך פראבלעמען און זאכן גייען נישט ווי געשמירט, זאל איך מיך קענען פארלאזן אויף ענק אז איר וועט נעמען די זאך אין די הענט אריין און טראגן די אחריות, דאס איז ענקער אויפגאבע און איך דארף מיך קענען רעכענען אויף אייער הילף. ממילא האב איך געפאסט א שנעלע און פעסטע החלטה אין יענע מינוטן, איך האב תיכף צוגעמאכט מיין טעלעפאן, איך האב א זוממער היים אין די בערג, איך בין אהינגעפארן און דארט געזעצן פאר צוויי טעג במנוחה, איך האב מחליט געווען אז ס'אינטערסירט מיך גארנישט, איך וויל נישט הערן פון קיינעם, איך לאז ענק פירן די זאך, גיבט ענק אן עצה... ווייל אז נישט, פארוואס דארף איך ענק האבן?!

[פארשטייט זיך אז דאס איז א גוטע מעשה פאר זיך, און ס'האט אין זיך א שטארקע מוסר השכל, אפילו בגשמיות. ווי אויך איז זעלבסטפארשטענדליך אז

אזא הנהגה איז נישט געמאכט פאר יעדן, נישט יעדער קען דאס באווייזן, זיך צו געבן אזא שלעפ ארויס ווען ס'גייט פאַר א מהומה און א בהלה, צו בלייבן רואיג און נישט האבן קיין שייכות דערמיט].

אבער על כל פנים לעניננו קען מען צושטעלן בדרך אפשר, דער אייבישטער זאגט דא פאר א איד, דורכאויס די גאנצע צייט וואס דו ארבעטסט און דו טוסט, דאס הייסט במשך די זעקס טעג א וואך וואס דו ארבעטסט יא, די זעקס יאר ביז שמיטה, דאס איז אלעס אויך נאר פון הימל, דער באשעפער שיקט דיר אויף יעדע טריט און שריט, ער שטעלט דיך צו און פאַרזאָרגט דיר מיט אלע דיינע צרכים, ער גיבט דיר פרנסה, ער גיבט דיר עסן, ער גיבט דיר לעבן, ער פארלאזט דיר קיינמאל נישט! אויב קומט עס צו א מצב אז דו קענסט נישט אָפּשפּאַרן דיין ביזנעס פאר א יאר, אויב דו קענסט נישט אוועקלייגן אלעס אין א זייט און לעבן מיט די ריכטיגע אמונה און בטחון אז דער אייבערשטער וועט דיך שפייזן, איז א סימן אז עפעס טויג נישט ביי דיר בעצם, דו האסט נישט די ריכטיגע אמונה און בטחון קיינמאל. נאר דו לעבסט א לעבן פון כוחי ועוצם ידי, דו ביסט פארנומען צו שאַפן און טוהן און מאכן, זיך איינרעדנדיג אז דו ביסט דער וואס טוט, און נאר ווען דו וועסט ארבעטן וועסטו האבן פרנסה. והא ראיה, ווייל אין די מינוט וואס מען הייסט פאַרשפּאַרן דאס געשעפט אויף אביסל ווערסטו פארלוירן און דו פרעגסט מַה נֹּאכַל?! דאס איז א סימן אז דו טראכסט נישט גוט במשך די גאנצע צייט... אויב ווען עס קומט צו דער שעת נסיון ווערסטו פארלוירן, דאן ווערט די שפע ח"ו איבערגעהאקט צוליב דעם ווייל עס ווייזט אז דער מענטש איז אינגאנצן נישט ראוי דערצו.

### ר' איד איר האט נעבעך געארבעט בחינם

עס איז נאך אסאך מער פון דעם. דער מענטש וואס לעבט דורכאויס די זעקס יאר אָן קיין אמונה ובטחון, קומט אויס אז ער ארבעט זיך אָן בחינם. ער לייגט אריין כוחות, ער איז פאַרנומען מיט'ן ארומלויפן און זיך פלאָגן, ווייל ער מיינט נעבעך אז אויב ער וועט נישט טוהן דאן וועט ער נישט האבן. ער גיבט אוועק ריזיגע חלקים פון זיין לעבן, נאכצולויפן נאך אביסל געלט, נאך אביסל פארדינסטן, נישט וויסענדיג אז די אלע זאכן זענען בכלל נישט געוואנדן אין זיין איבריגע השתדלות.

אין ספה"ק **תפארת שמואל** (פרשת קדושים אות ב') ברענגט ער בשם זיין פאטער **הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע**, וועלכער האט אמאל גערעדט צו א איד און פראבירט צו ווירקן אויף איהם אז ער זאל דאווענען מיט מנין, יענער איד האט זיך אנטשולדיגט און געזאגט אז זיין מסחר ערלויבט איהם פשוט נישט צו האבן קיין צייט צו גיין דאווענען מיט מנין, ער איז א אונס. האט איהם רבי יחיאל זי"ע געזאגט בלשון קדשו, "דו ביסט נישט אראפגעקומען אויף דער וועלט פאר אזא סארט מסחר וואס שטערט דיר פון דאווענען מיט מנין, נאר פאר אזא סארט פרנסה וואס לאזט דיר יא דאווענען מיט מנין". זאגענדיג דערמיט אז אויב דיין פרנסה איז אן אפהאַלט פון דאווענען מיט מנין, איז א סימן אז דו ביסט אין די נישט-ריכטיגע ארבעט, עס קען נישט זיין אז דאס איז די פרנסה וואס איז באשערט פאר דיר פון הימל.

אין ספר **נתיבות שלום** פון **סלאנימער רבי זצ"ל** ברענגט ער א משל נפלא בשם **דער הייליגער רוזשינער זי"ע**. דער רוזשינער האט דערציילט, ס'איז אמאל געווען א איד א גרויסער מכניס אורח וואס האט געהאט א אפענע שטוב, ער פלעגט אריינעמען געסט און געגעבן פאר יעדן צו עסן און טרינקן מיט א ברייטקייט. אמאל איז געווען א הונגעריגער ארימאן וואס האט געהערט אז ס'איז פארהאן דא אן אכסניא וואו מ'קען אריינגיין עסן און טרינקן, האט ער געוואנדן זיינע טריט אהין. בטעות איז ער אנגעקומען צום נישט-ריכטיגן הויז, אנשטאט צום מכניס אורח האט ער אריינגעקלאפט ביי א שכן. יענער שכן איז געווען א מענטש מיט א שלעכטע הארץ, פונקט פארקערט פון זיין שכן. הערנדיג אז דער אומשולדיגער ארימאן בעט צו עסן, האט ער באשלאסן איהם אויסצונוצן, "עס גייט נישט אזוי, מען באקומט נישט בחינם, קודם וועסטו דארפן דא ארבעטן א גאנצן טאג, נאר נאכדעם וועט מען דיר געבן א פיינע סעודה". דער ארימאן האט נישט געהאט קיין סאך ברירות, הונגעריג איז ער דאָך געווען, און הערנדיג אז נאר אזוי וועט ער באקומען צו עסן, האט ער אנגענומען דעם פאָרשלאָג און נעבעך געארבעט א גאנצן טאג כדי צו באקומען זיין פאַרדינטע סעודה. ענדליך ווען ער האט געענדיגט זיין ארבעט און ער קומט בעטן דאס עסן, ווייזט איהם דער שכן אז ער זאל גיין קעגנאיבער און אריינקלאפן אין יענע הויז -ווייזענדיג אויפן הויז פונעם מכניס אורח- און דארט וועט ער באקומען די עסן.

די זעלבע זאך דארף א איד וויסן, דער אייבישטער געבט אונז אלעס, מיר וואלטן עס געקענט האבן בחינם. אנשטאט דעם זענען מיר אליינס בּוֹחֵר צו משקיע צו זיין אומזיסטע כוחות און יגיעה, און מיר רעדן זיך איין אז טאמער מיר וועלן עס נישט טוהן וועט עס נישט געשען.

### ווען מען לויפט קען מען גארנישט באמערקן

מיר האבן שוין זייער אסאך מאל גערעדט פון דעם, אז אונז לעבן היינט אין א וועלט וואו די גאנצע לעבן איז איין שטיק געלויף, עס הערשט א שטענדיגע גערודער אינעם נפש און קיין שום מנוחה ושלוה און צייט צו טראכטן. מען שטעלט זיך כמעט קיינמאל נישט אפ מתבונן זיין. ווען דער מענטש לעבט אזוי, באמערקט ער בכלל נישט וואס טוט זיך ארום איהם. קודם כל ער באמערקט נישט זיך אליינס, ער זעהט נישט זיינע קינדער, זיינע ארומיגע, ער פארגעסט זיך אפצוגעבן מיט זיי, צו פארברענגען מיט זיי, הנאה האבן פון זיי, ווייל ער איז דאָך פארנומען מיט'ן לויפן. **אזוי איז די מציאות, בשעת א מענטש לויפט קען ער גארנישט זעהן, ער קען גארנישט אַנערקענען, ער קען זיך נישט מתבונן זיין און לעבן מיט א חשבון.**

און פארשטייט זיך אז ער באמערקט נישט און זעהט נישט די חסדי השם, ער זעהט נישט וויפיל דער אייבישטער געבט איהם, צו וויפיל ברכה ער איז באמת זוכה אינעם טאג טעגליכן לעבן. וואלט דער מענטש געהאלטן זיינע אויגן אפן און געגאנגען מיט ישוב הדעת, מיט מתינות, מיט גלאַסנקייט, וואלט ער דאָך געזען וויפיל דער אייבישטער שענקט איהם און וויפיל דער אייבישטער בענטשט איהם.

די תורה הקדושה וויל דאס פארמיידן! די תורה הייסט אז יעדע שטיק צייט דארף זיך דער איד אוועקרייסן פון אלע זיינע געשעפטן און ארבעט, ער דארף זיך אפשטעלן פון די שטענדיגע געלויף, כדי צו אנערקענען און באמערקן וואס דער אייבישטער גיבט איהם אלס. און אויב קען ער דאס נישט טוהן, ער שרייט מַה נֹּאכַל, זאל ער וויסן אז ער לעבט נישט ריכטיג! ער גיבט אוועק זיינע איבריגע זעקס יאר בחינם, ער איז פארנומען צו לויפן און ער באמערקט נישט די אלע גוטע השפעות וואס דער אייבישטער גיבט איהם. דאס דארף זיין ווי אן 'אויפוועקונגס רוף' אז עפעס טויג נישט מיט איהם. אונזער אויפגאבע אינעם שנת השמיטה, ווי אויך אין יעדן שבת, איז זיך אנצוגארטלען מיט התבוננות און

קלארקייט, צו שטייגן אין אמונה און בטחון, צו עפענען די אויגן און יא זעהן און אנערקענען די מתנות פון הימל וואס מיר האבן. **און די קלארקייט דארף אונז באגלייטן אויף ווייטער אויך, אפילו ווען מען קערט זיך יא צוריק צו די ימי המעשה, דארף דאס אבער זיין מיט א ניכטערן בליק, מיט יישוב הדעת און מחשבה, צו לעבן, צו אטעמען, און זיך אומקוקן אויף די הערליכע שפע וואס דער רבוש"ע שטעלט אונז צו.**

אגב, מיר ווייסן די הלכה אז שבת טאר מען נישט לויפן. דאס איז מרמז אויף דעם ענין, שבת איז די צייט ווען א מענטש דארף זיך אפשטעלן פון די טעגליכע 'געלויף', פון די גערויש וואס טוט זיך אין זיין לעבן. מען דארף אנהייבן צו לעבן מיט התבוננות, זיך מדבק זיין אין די מקור הברכה, און זעהן וואס דער אייבישטער גיבט אונז אלץ, פארשטיין אז ס'איז נישט "כוחי ועוצם ידי", נאר דער אייבישטער איז דער וואס איז משפיע אויף אונז און גיבט אונז אויף יעדע טריט און שריט אלע אונזערע הצטרכות'ן.

**ווען מ'איז זוכה צו אנערקענען אפילו די קליינע ברכות**

מיט דעם קומען מיר צוריק צו פרשת בחוקותי, מיר האבן מדייק געווען וואס באדייט די לשון פון 'הליכה' וואס ווערט דא כסדר דערמאנט. נאר לויט ווי מיר האבן פריער געשמועסט, ווען א מענטש גייט אויפן וועג, איז דא צוויי וועגן וויאזוי מען קען גיין, מען קען גיין געלאַסן און רואיג, זעהן און באמערקן דאס גאנצע ארום, אדער מען קען לויפן מיט א בהלה וואס דעמאלטס זעהט מען גארנישט און מ'באמערקט גארנישט.

זאגט דער אייבישטער, "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ" אויב איר וועט גיין אויף די תורה'דיגע וועג, לעבן מיט א תורה'דיגע בליק, איר וועט מיטנעמען די מוסר השכל פון שמיטה און שבת קודש אריין אין ענקער טאג טעגליכע לעבן, דאן וועט איר זוכה זיין צו זעהן ברכות, איר וועט באמערקן אזויפיל גוטע זאכן און השפעות טובות וואס דער רבוש"ע גיבט פון הימל. נישט סתם ברכות, נאר מען וועט אנהייבן צו באמערקן אלעס ביז די לעצטע פרט, עס זענען פאראן אזויפיל 'קליינגקייטן' גוטע זאכן וואס דער רבוש"ע גיבט אונז טאג טעגליך, אבער עס גייט אריבער כמעט אומבאמערקט ווייל מען איז זיך נישט מתבונן דערין. למשל די ברכה פון "וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם" עס וועט נישט רעגענען ווען מ'דרייט זיך אין די גאס כדי נישט צו מאכן אומבאקוועם פאר מענטשן, אפילו אזא קליינע ברכה וועט מען אויך באמערקן...

אודאי וועלן זיין גרויסע און ריזיגע ברכות אזויווי עס שטייט אין די המשך הפסוקים, אבער די נקודה איז אז ווען א מענטש 'גייט' מיט יישוב הדעת און התבוננות, איז ער זוכה און ער באמערקט אלעס ביז די לעצטע און קלענסטע דעטאל, אפילו אזא סארט קליינע ברכה ווי די רעגן. די זעלבע זאך איז מיט די ברכה פון "וְרָדְפוּ מִכֶּם חֲמִשָּׁה מֵאָה וּמֵאָה מִכֶּם רְבָבָה יִרְדֹּפוּ", באמת וואלט געקענט שטיין א כלליות'דיגע ברכה אָן די גאנצע אריכות. אבער אנשטאט דעם זאגט די תורה, מאַך אויף דיינע אויגן, הייב אָן צו זעהן און באמערקן, גיב א קוק ווי בלויז פינף מענטשן האבן מצליח געווען קעגן הונדערט, זאכן האבן פאסירט כמעט חוץ לדרך הטבע, דער אייבישטער האט אריינגעשיקט א ברכה אויף א ספעציפישע אופן. דאס איז זאכן וואס נישט אייביג באמערקט מען עס, ס'קען ווי 'פאַרלוירן ווערן' אין די געשעעניש, מען מיינט אז ס'איז א מקרה, מען מיינט אז ס'איז אפשר א חלק פון די טבע, און די גאנצע ברכה ווערט פאַרוואַסערט ווייל מ'שטעלט זיך נישט אפ טראכטן און כאפן התפעלות דערפון. אבער אז מען לעבט מיט התבוננות, מען איז נישט פארנומען מיט'ן לויפן און זיין איינגעזינקן אין עולם הזה, הייבט מען אָן צו אנערקענען און הנאה צו האבן פון יעדע זאך וואס דער רבונו של עולם גיבט אונז, מען דערהערט יעדע נס, מען זעהט יעדע גוטע ברעקל וואס מען איז משפיע פאר אונז פון הימל.

**זוכה זיין צו די ברכה פון ואולך אתכם קוממיות**

דער אייבערשטער זאגט ווייטער, אויב וועט איר אזוי לעבן, איר וועט 'גיין' מיט די ריכטיגע מהלך, די תורה'דיגע וועג, דעמאלטס וועט מקויים ווערן "**וְהִתְהַלַּכְתִּי** בְּתוֹכְכֶם" און "**וָאוֹלֵךְ** אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת", איך וועל ענק טאקע פירן אויף אזא אופן. ענקער גאנצע הליכה, ענקער גיין וועט זיין אויף א אופן פון קוממיות, אויפגעשטעלט און שטארק, מיט אפענע אויגן צו זעהן און באמערקן די חסדים פונעם באשעפער וואס וועט אייך באגלייטן אלעמאל, ענקער לעבן וועט זיין פיל מיט ברכה און איר וועט דאס זוכה זיין צו זעהן און וויסן נאך און נאך.

אבער חלילה אויב עס וועט זיין פארקערט, ווי עס שטייט אין די תוכחה, "וְאִם תֵּלְכוּ עִמִּי קֶרִי", אויב איר וועט אויסוועלן צו גיין די אנדערע סארט הליכה, צו גיין אויף א וועג פון לויפן אָן זיך אפשטעלן און מתבונן זיין, א הליכה וואס דערווייטערט דעם מענטש פון השי"ת און זיינע גוטע השפעות, מען זעהט גארנישט און מען באמערקט גארנישט, נאר מען איז אלעס תולה אין א מקרה, מ'מיינט אז אלעס איז טבע און בלויז א צופאַל, דאן קומט חלילה די הנהגה פון מידה כנגד מידה, פון וְהָלַכְתִּי אַף אֲנִי וגו'.

היוצא לנו, אונזער תפקיד איז יא אויפצומאכן די אויגן, לעבן מיט יישוב הדעת און אנצוהייבן באמערקן אפילו די גאר קליינע ברכות און חסדים וואס השי"ת גיבט אונז כסדר. מיר דארפן לעבן מיט אמונה ובטחון און הכרת הטוב צו וויסן און געדענקן די גאנצע צייט אז השי"ת איז דער וואס טוט אלעס און גיבט אונז אלעס, יא, אפילו די קליינע סארט טובות פון 'וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם'. לאמיר באמערקן וויפיל מאל א וואך זענען מיר געראטעוועט געווארן פון קליינע עגמת נפש'דיגע זאכן און אומבאקוועמליכקייטן, וויפיל גוטע זאכן האט פאסירט צו אונז און אונזערע קינדער, וויפיל מאל האבן מיר מצליח געווען אין אונזערע ענינים, זאכן האבן זיך גוט אויסגעארבעט ב"ה. ווען א איד האלט דאס פאר די אויגן, ער גייט מיט א גוטע הליכה, וועט ער זוכה זיין צו די אלע ברכות און צו וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם וגו' וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת, אמן כן יהי רצון.

לסיכום געדענק:

- יעדע שבת, שמיטה, און יובל, דארף זיך דער איד אפשטעלן פון זיין טאג טעגליכן געלויף, זיך פארלאזן אויפן בורא עולם וואס פירט איהם און העלפט איהם אלעמאל.
- אויב א איד פרעגט "מה נאכל" איז א סימן אז עס פעלט איהם בטחון, ער איז פארנומען ארומלויפן און ארבעטן שווער פאר גארנישט, ער פאַרפאַסט צו זעהן די פילע ברכות פון הימל.
- לעב מיט יישוב הדעת און התבוננות, אנערקען די אלע גוטע השפעות, אויך די קלייניגקייטן וואס פאסירן שטענדיג, דאן וועט השי"ת אונז משפיע זיין נאך און נאך שפע און ברכה.

## א לעכטיגע שבת קודש!

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל
בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א